STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05260

INEVEYNIKSTE TSVEYSHPRAKHIKEYT IN ASHKENAZ BIZ DER HASKOLE

Max Weinreich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקס ווײַנרײַך

אינעווייניקסטע צווייִשפּראַכיקייט אין אַשכּנז ביז דער השׂכּלה: פֿאַקטן און באַגריפֿן

סעפּאַראַטער־אָפּדרוק פֿון די גאָלדענע קייט נומער 35
תּל־אבֿיבֿ, 1959

מאַקס ווײַנרײַך / ניו־יאָרק

אינעווייניקסטע צווייִשפּראַכיקייט אין אַשכּנז ביז דער השׂכּלה: פֿאַקטן און באַגריפֿן*

דאָס קעפּל זאָגט צו „פֿאַקטן און באַגריפֿן", אָבער דער עיקר גייט מיר הײַנט אין באַגריפֿן. פֿאַקטן צו אונדזער ענין זײַנען פֿאַראַן בשפֿע, טייל שוין אויסגעפֿאָרשטע און פּאַרטיקע צום ברענגען, אַנדערע וואָס פֿאָדערן נאָך פֿאָרשונג. אָבער דאָ וועל איך אַרײַנפֿירן פֿאַקטן נאָר לשם אילוסטראַציע. דורך דעם וועט גרינגער ווערן אָפּצושאַצן פּרינציפּיעל דאָס בילד וואָס איך וועל אויסמאָלן.

דאָס ערשטע דאַרף איך אויפֿקלערן, אַז מיט „אַשכּנז" מיין איך ניט דײַטשלאַנד, אַפֿילו ניט די ייִדן פֿון דײַטשלאַנד, נאָר אַלע אַשכּנזים ווי אַ קיבוץ, אי אין צענטראַל־ אי אין מיזרח־אייראָפּע. ביז דער השׂכּלה האָבן אַלע אַשכּנזים גערעדט איין שפּראַך, ייִדיש, הגם אין פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן.[1]

„אינעווייניקסטע צווייִשפּראַכיקייט" דאַרף איך אויך אויסטײַטשן. אַשכּנזישע ייִדן זײַנען תּמיד געווען אַ מינאָריטעט לגבי דעם ניט־ייִדישן אַרום, און ממילא האָבן זיי תּמיד געמוזט זײַן צווייִשפּראַכיק. ניט אַלע מיטגלידער פֿונעם קיבוץ אין דער זעלביקער מאָס, אָבער אין וועלכער עס איז מאָס האָט יעדער ייִד געמוזט קענען די שפּראַך פֿון דער קאָטעריטאָריאַלער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג. אַזאַ סיטואַציע רוף איך אָן דרויסנדיקע צווייִשפּראַכיקייט, און מיר וועלן זי אַוודאי ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, ווײַל פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדיש איז געווען היפּש וויכטיק, וואָסערע עלטער־גרופּעס און וואָסערע סאָציאַלע שיכטן עס האָבן אין פֿאַרשיידענע צײַטן געהאַט צום מערסטן מגע־ומשׂא מיט דער דרויסנדיקער וועלט. דאָ, הייסט עס, קענען מיר זיך דירעקט אײַנשליסן אין דער פֿאָרשונג פֿון שפּראַכיקע קאָנטאַקטן, וואָס האַלט זיך אַזוי שיין אין אַנטוויקלען אין משך פֿון די לעצטע יאָרן. אָבער ניט די סיטואַציע האָב איך אין זינען אין דעם איצטיקן אַרטיקל. איך בין אויסן דאָ די צווייִשפּראַכיקייט אינעווייניק אינעם קיבוץ, מיט אַנדערע ווערטער, דעם סימביאָז פֿון ייִדיש און העברעיִש דורך דער גאַנצער געשיכטע פֿון אַשכּנז, העכער טויזנט יאָר.

לגבי דער קאָטעריטאָריאַלער באַפֿעלקערונג זײַנען ביידע שפּראַכן ייִדישע, און בײַ ייִדן גופֿא זײַנען זיי היפּש געווען צונויפֿגעפֿלאָכטן. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין דעם וואָס קינדער און תּמימים האָבן געקענט מיינען, אַז משה רבנו אַליין האָט אין דער וואָכן גערעדט ייִדיש און נאָר שבת לשון־קודש. געוויס ניט שפּעטער פֿון

---

* דאָס אַרטיקל איז געבויט אויף אַ רעפֿעראַט וואָס איך האָב געלייענט אויף דער קאָנפֿערענץ פֿאַר ייִדיש־פֿאָרשונג אין ניו־יאָרק אין 1958.

[1] וועגן די וואַריאַנטן אין דער שפּראַך זען מײַן אַרטיקל „ראָשי־פּרקים וועגן מערבדיקן ייִדיש" אין יודאַ א. יאָפֿע־בוך, ניו־יאָרק, ייִוואָ, 1958, זז׳ 158—194.

פֿערצנטן יאָרהונדערט באַווייזט זיך אין אַשכנזישע הגדות אַ בילד פֿון אַ געיעג אויף האָזן, און דאָס איז אַ מנעמאָנישע המצאה צו פֿאַרגעדענקען דעם סדר פֿון די ברכות יין, קידוש, נר, הבדלה, זמן. היתּכן? די ראשי־תּיבֿות פֿון די ברכות זיינען יקנה״ז, און דאָס קלינגט — געדענקט, אויף ייִדיש, ניט אויף לשון־קודש! — ווי יאָג נ׳האָז.[2] אַפֿילו די נעמען פֿון ביידע ייִדישע שפּראַכן זיינען ניט איינגעשטעלט ביז לעצט. ווען אויף אַ ייִדישער אַסיפֿה דרשנט מען דורכויס אויף אַן אַנדער שפּראַך און נאָך דעם קומט אַ רעדנער אויף ייִדיש, קען אַ צוהערער אָפּעטעמען: „סוף־כּל־סוף האָט מען דערהערט אַ ייִדיש וואָרט!״; אָבער „ער נעמט ניט קיין ייִדיש וואָרט אין מויל אַריין״ מיינט: ,ער דאַוונט ניט׳, און דאַוונען דאַוונט מען כּידוע אויף לשון־קודש.

אַזוינע סאָציאַל־לינגוויסטישע סיטואַציעס פֿון אינעווייניקסטער צווייִשפּראַכיקייט, וווּ די ביידע שפּראַכן זיינען דיפֿערענצירט ניט קיבוצימווייז, נאָר פֿונקציאָנעל, באַגעגענען זיך ניט נאָר אין אַשכּנז. קודם האָבן מיר דאָך אַנאַלאָגישע סיטואַציעס ביי די ניט־אַשכּנזישע עדות, און ווייטער קומט אויפֿן זינען די פּאָזיציע פֿון לאַטיין לגבי די לאַנד־שפּראַכן אין מיטל־עלטער און אין דער הומאַניסטן־צייט. אָבער אין דער אַשכּנזישער סיטואַציע זיינען פֿאַראַן אַזוי פֿיל ספּעציפֿישקייטן, אַז עס איז גלייכער צו פֿאַרנעמען זיך נאָר מיט איר. פֿון אַנדערש ווו וועל איך ברענגען נאָר געציילטע דוגמאות.

דאָס ערשטע: ווי אַזוי איז די באַציִונג פֿון ביידע ייִדישע שפּראַכן פֿאָנעמיש? אין אשכּנז II, ד״ה אין דער אַשכּנזישער מיזרח־אייראָפּע, האָט מען זיך זיכער נאָך ביים סוף פֿון דער אַלטייִדישער תּקופֿה (אַרום 1500) דעראַרבעט צו אַ פֿולער פֿאָנעמישער אינ־טעגרירונג: ניטאָ אַפֿילו אין לשון־קודש ממש[3] קיין איין פֿאָנעם אַחוץ די פֿאָנעמען וואָס באַגעגענען זיך אין ייִדיש. אין פּלוג קען זיך דוכטן: ווי דען אַנדערש, אַ פֿאַרזיכדיקע העברעיִשע פֿאָנעמישע סיסטעם האָט דאָך געמוזט בטל ווערן ווען העברעיִש האָט זיך איבערגעריסן ווי אַ ריידשפּראַך. אָבער עס לאָזט זיך דערווייזן, האַלט איך, אַז דאָס לשון־קודש פֿון די מערבֿ־לעזים האָט יאָ געהאַט אין זיך פֿאָנעמען וואָס מערבֿ־לעזיש גופֿא האָט ניט פֿאַרמאָגט.[4] ס׳איז אַ סבֿרא, אַז עס לאָזט זיך אויסשטעלן אַ סקאַלע פֿאַר די פֿאַר־שיידענע ייִדישע עדות, געבויט אויף דעם, ביז וואָס פֿאַר אַ גראַד זייער לשון־קודש ממש איז געווען פֿאָנעמיש אינטעגרירט מיט דער גערעדטער שפּראַך.

לאָמיר אַריינקלערן אין דעם אָרט פֿון ייִדיש און לשון־קודש אין דער קולטור־בעל־הבתּישקייט פֿון אַשכּנז.

ווען די אייראָפּעיִשע שפּראַכן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין זייער האָפֿערדיקן אַטאַק

[2] יאָג נ׳האָז מיינט: ,יאָג דעם האָז׳; אין דער ניט־אַקצענטירטער פּאָזיציע בלייבט פֿונעם אַרטיקל דעם ניט מער ווי נ׳.

[3] „לשון־קודש ממש״ רוף איך דאָס לשון־קודש פֿון געבונדענע טעקסטן (תּנך, תּפֿילות), וואָס מען לייענט אָדער מען געדענקט אויף אויסנווייניק. להיפּוך צו דעם איז דאָס „איינגעשמאָל־צענע לשון־קודש״, דאָס לשון־קודש וואָס איז געוואָרן אַ טייל פֿון דער שמעלצשפּראַך ייִדיש — מיט אַנדערע ווערטער, דער לשון־קודשער קאָמפּאָנענט אין ייִדיש.

[4] מיט „לעזיש״ ווערן באַצייכנט די שפּראַכן וואָס עס האָבן גערעדט מיט זיך קיין לותּיר (דאָס לאַנד ביים מיטעלן ריין) די אָנקומערס פֿון די ראָמאַנישע לענדער, וואָס זיי האָבן געשאַפֿן דעם אַשכּנזישן קיבוץ אָנהייבנדיק פֿון נייַנטן יאָרהונדערט. געקומען זיינען די באַזעצערס פֿון צוויי ריכטונגען: אַ גרעסערער טייל פֿון מיזרח־פֿראַנקרייך (זייער שפּראַך רופֿט מען „מערבֿ־לעזיש״) און אַ קלענערער פֿון צפֿון־איטאַליע (זייער שפּראַך רופֿט מען „דרום־לעזיש״).

אויף לאַטיין ווי אַ בילדונגשפּראַך, האָט מען זיך גענומען באַרימען מיט זייער לעבע־דיקייט, און נאָך דער השׂכּלה האָבן זיך ביי אונדז געפונען בעלנים אַריינצורעכענען לשון־קודש אויך צווישן די טויטע. הייִנט, בשעת מיר ווייסן וועגן אַקאַדיש אָדער נומידיש, דאַרף מען די ראָלע פון לאַטיין ביזן זיבעצנטן יאָרהונדערט אויך איבערדע־פינירן: ווען די לאַטייניִשע שפּראַך זאָל געווען זיין טויט וואָלט זי זיך אַליין אַזוי ניט אַנטוויקלט און זי וואָלט ניט געקענט אַזוי שטאַרק משפּיע זיין אויף דער אַנטוויקלונג פון אַזאַ גרויסער צאָל מאָדערנע שפּראַכן. על אחת כּמה וכּמה דאַרף מען פאַרגעסן וועגן דעם קאָנטראַסט טויט כּנגד לעבעדיק בשעת מען רעדט וועגן אַשכּנז. אויף לשון־קודש זיינען די הייליקע ספרים, אויף לשון־קודש דאַוונט מען — פאַר וואָס איז די דאָזיקע ספערע פון לעבן ווינציקער לעבעדיק איידער דער האַנדל־וואַנדל פון אַ גאַנץ יאָר?

דאָס טראַדיציאָנעלע אַשכּנז, מוז מען פּסקענען, האָט צוויי לעבעדיקע שפּראַכן, מערניט וואָס איינע איז אַן אומפאַרמיטלטע און די צווייטע אַ פאַרמיטלטע. אַ פאַרמיטלטע שפּראַך קען מען פאַרשטיין, מען קען זי ציטירן, מען קען זי פאַרהייליקן, אָבער מענטשן ניצן זי ניט אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן אויף צונויפצורײדן זיך אָדער אויף אַרויסצוברענגען זייערע עמאָציעס. איר געדענקט דאָך דעם אַנעקדאָט מיט דער יידישער דאַמע וואָס גייט צו קינד, און דער ערשטער קרעכץ רייסט זיך ביי איר אַרויס מיט „אָ, מאָן דיע!" אויף פראַנצייזיש, דער צווייטער מיט „באָזשע מאָי!" אויף רוסיש, אָבער ווען דער דאָקטאָר דערהערט: „גאָט אין הימל!" ווייסט ער, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע ווייען. ווען די העברעיִשע שפּראַך איז געוואָרן אויס אומפאַרמיטלט, און דאָס איז געשען מיט פיל הונדערטער יאָרן איידער אַשכּנז איז געבוירן געוואָרן, האָט זיך דאָס אָפּגערופן אויף איר וואַקסן; דער עיקר צוקום איז שוין איצט געווען ניט פון אונטן. אָבער אין דעם וואַרעמהויז פון יידיש איז לשון־קודש אין אַשכּנז געבליבן לעבן פאַר ספּעציפישע פונקציעס. פאַר וואָסערע פונקציעס?

דער טערמין לשון־קודש גיט אַן אָנצוהערעניש, אין וואָסער ריכטונג צו זוכן די פאַרטיילונג פון די פונקציעס צווישן די צוויי שפּראַכן פון אַשכּנז. טייל אָפּגעהיטענע יידן וועלן אין באָד צי אין בית־הכּסא ניט ברענגען פאַר די ליפּן דאָס וואָרט שבת. זיי וועלן זאָגן דער זיבעטער. אָבער מען טאָר זיך ניט לאָזן פאַרפירן, אַז ווייל די עלטערע שפּראַך פון אַשכּנז איז לשון־קודש איז די צווייטע לשון־חול. אין טראַדיציאָנעלן אַשכּנז, ווי העשל האָט דאָס אַזוי שיין פאָרמולירט,[5] האָט מען זיך געפלייסט אין יעדער אַקט פון וואָכעדיקייט אַריינברענגען כּאָטשבי אַ שמץ קדושה, און ממילא איז קיין הוילע וואָכע־דיקייט בכלל ניט געווען, נאָר גראַדאַציעס פון קדושה. און ווען די משׂכּילים האָבן גענומען פּורץ־גדר זיין איז ביי טראַדיציאָנעלע יידן מענדעלעס האבות והבנים געווען ניט ווינציקער „חול" איידער דאָס קליינע מענטשעלע.

וואָס טויג אונדז צו זוכן פּרט־ראַיות, ווען עס שטאַרצט אין די אויגן דער צענטראַ־לער אונטערשייד צווישן יידיש ביי יידן און די מוטערשפּראַכן פון דער קריסטלעכער אייראָפּע אין מיטל־עלטער און אין דער הומאַניסטן־צייט. דאָרטן האָט מען אין די

[5] אברהם יהושע העשל, „די מיזרח־אייראָפּעיִשע תּקופה אין דער יידישער געשיכטע", ייוואָ־בלעטער 25 (1945), זז' 163—183. אויסגעברייטערט אין באַזונדערע בראָשורן אויף יידיש און אויף ענגליש. — פ"גל אויך: שלמה נאָבל, חומש־טייטש, אַן אויספאָרשונג וועגן דער טראַדיציע פון טייטשן חומש אין די חדרים, ניו־יאָרק, ייוואָ, 1943, און יחיאל שטערן, חדר און בית־מדרש, ניו־יאָרק, ייוואָ, 1950.

לאַטייניִשע שולן אַפילו אויף די הפסקות געמוזט ריידן דורכויס לאַטיין, פאַר אַרויסריידן אַ וואָרט אויף דער מוטערשפּראַך האָט מען געקנסנט. ביי אונדז איז דאָס גאַנצע לערנען, פונעם דרדקי־חדר דורך דער ישיבה ביזן פּילפּול פון די גרעסטע לומדים, געגאַנגען דורכויס אויף ייִדיש. אַשכּנז האָט מיט ניצן די ריידשפּראַך אין לערנען ניט מחדש געווען, דער פורעם איז געווען אַ פּאַרטיקער אין דער לערן־פּראַקטיק פון די בבלישע און ארץ־ישׂראלדיקע ישיבות, וואָס פון איר איז אַרויסגעוואַקסן די גמרא. דורך דער פונקציע פון אַ לערנשפּראַך איז ייִדיש געוואָרן אַן אויסדרוק־מיטל פאַר אַ קאָמפּליצירטער יורידיש־מאָראַליש־פּילאָסאָפישער באַגריפן־וועלט לאַנג איידער דייטש, פּויליש אאַז״וו זיינען געוואָרן אַן אָנגענומענער מיטל פאַר ענלעכע צוועקן. וועגן דעם לומדישן ייִדיש פאָדערט זיך נאָך אַ סיסטעמאַטישע פאָרשונג. סאָציאָלאָגיש דאַרף מען דאָ נעמען אין אַכט, אַז אין חדר זיינען געגאַנגען כּמעט אַלע ייִנגלעך און אַז די תּלמידי־חכמים זיינען געווען די העכסטע פּרעסטיזש־גרופּע אין דער אַשכּנזישער געזעלשאַפט.

דער חילוק אין פונקציע ווערט קלאָר, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז די זעלביקע רבנים וואָס האָבן פ אַ ר ש ט י י ט ז י ך מפלפל געווען אויף ייִדיש האָבן אָבער פ אַ ר ־ ש ט י י ט ז י ך געשריבן איינער צום אַנדערן וועגן די זעלביקע ענינים אויף לשון־קודש. בכלל האָט מען געשריבן בריוו אויף לשון־קודש אויב מען האָט נאָר ווי עס איז געקענט. אַ שאלה און אַ תּשובה האָט מען געשריבן אויף לשון־קודש סיידן מען האָט געוואָלט ברענגען די רייד פון אַן עדות מיט „וזה לשונו". אויפן זעלביקן שניט האָט דער וועד מדינת ליטא אין 1679 איינגעשטעלט, אַז די תּביעה פון אַ יחיד קעגן קהל דאַרף מען פאַרשרייבן אויף ייִדיש. אָבער בדרך־כּלל האָט דער סופר די באַשלוסן פון קהל פאַרשריבן אין פּינקס אויף לשון־קודש, כאָטש גערעדט האָט מען אין קהל־שטוב ייִדיש. דער מלווה ביי שלום־עליכמען האָט געוויס ניט גערעדט מיט זיינע קליענטן קיין לשון־קודש, אָבער ביי זיך אין ביכל האָט ער פאַרשריבן נתתּי — קבלתּי — הבטחתּי. איצט דערזעען מיר די פּרינציפּיעלע אַנדערשקייט פון ייִדיש און לשון־קודש אין דער אַשכּנזישער קולטור־בעל־הבתּישקייט. ייִדיש איז די ב ע ל ־ פּ ה ־ ש פּ ר אַ ך: אויף איר רעדט מען וואָס מען דאַרף און אויף איר פאַרפעסטיקט מען ייִדישקייט. דערפאַר הערן מיר פון דעם ש״כס פאָטער ר׳ מאיר כּצן, אַז גאָט זאָל העלפן און אַלע ייִדן אין רייסן זאָלן אָנהייבן ריידן ייִדיש („אם יתן ה׳ תמלא הארץ דעה וידברו כולם שפה אחת לשון אשכנז"). לשון־קודש איז די ב כּ ת ב ־ ש פּ ר אַ ך. נחמן בראַצלאַווער קען אַ זאָג טאָן צו זיינע חסידים, מען זאָל דאַווענען נאָר אויף ייִדיש; אָבער ווען ער הייסט דעם גבאי פאַרשרייבן זיינע מעשׂיות פאַרשטייט נתן וואָס מען מיינט, און ער פאַרשרייבט אויף לשון־קודש אַזוי גוט ווי ער קען. אַפילו דעם דובנער מגידס גרויסע ייִדישע ריידקונסט איז דערגאַנגען צו אונדז בלויז דורך אַ לשון־קודשן פילטער.

לינגוויסטיש איז דורך דער נאָענטקייט פון ביידע שפּראַכן געשאַפן געוואָרן אַ שלל פּראָבלעמען: פאָנעמישע אינטעגרירונג, אַנטלייונג, קאַלקירונג, פּוריזם, סטיל און סטיליזאַציע בעטן זיך, מען זאָל זיי שטודירן אויף ייִדיש־העברעיִשן מאַטעריאַל.[6] אַשכּנזישע

[6] פ״גל למשל: מ. ווײַנרײַך, „בני־הית און בני־חית אין אשכּנז", ייִוואָ־בלעטער 41 (1957—1958), זז׳ 101—123; יודל מאַרק, „ייִדיש־העברעיִשע און העברעיִש־ייִדישע ניישאַפונגען", דאָרטן, זז׳ 124—157; שלמה נאָבל, „ייִדיש אין אַ העברעיִשן לבוש", דאָרטן, זז׳ 158—175 (אויך אינעם שמואל ניגער־בוך, רעדאַקטירט שלמה ביקל און לייבוש לעהרער, ניו־יאָרק, ייִוואָ, 1958); י עלזעט, „שמועסן וועגן העברעיִש־ייִדיש און ייִדיש־העברעיִש", יודאַ א. יאָפע־בוך, רעדאַקטירט

לומדים האָבן געשאַפֿן נײַע ווערטער ווי מוחל אָדער חלף. ביי אַזוינע איבערטײַטשונגען ווי צלם, בילבול, שיבוש זײַנען מיר נאָך אויפֿן גרענעץ פֿון ביידע שפּראַכן, דאָס אייגענע ווען עס שאַפֿן זיך ווערטלעך פֿונעם טיפּ משנה מקום משנה מזל. אָבער ווען מיר קומען צו די גרויסע קאַטעגאָריעס ווערטער־פֿורעמונגען ווי בעלן — בעלנות אָדער בעל־דרשן אָדער קצבות האָבן מיר פֿאַר זיך שוין ניט קיין גרענעץ־ליניע, נאָר אַ ברייטן גרענעצפּאַס מיט אַ קאָנדאָמיניום פֿון ביידע שפּראַכן. אויף אָט דער שותּפֿישער לינגוויסטישער טעריטאָריע האָט מען פֿריִער איבערגעזעצט די נעמען הירש, וואָלף, לייב, בער אד״גל אויף צבי, זאב, אַריה, דוב, און איבערגעזעצטערהייט זײַנען זיי געוואָרן עלעמענטן אינעם לשון־קודשן קאָמפּאָנענט פֿון ייִדיש.

אידעאָלאָגיש האָט זיך דורך אָפּגרענעצן די פֿונקציעס פֿון בעל־פּה און בכּתב געשאַפֿן אַ גלייכוואָג. די פּרינציפּיעלע ערשטיקייט פֿון לשון־קודש האָט ניט אַרויסגערופֿן קיין ספֿקות — אַזוי האָט געמוזט זײַן אין אַ וועלט, וווּ ס׳האָט געוועלטיקט דער כּכתוב.

געווייִנטלעך איז דאָס געווען נאָר די טעאָריע. אין דער פּראַקטיק האָט די גלייכוואָג געמוזט פֿאַרשטערט ווערן.

טייל מאָל האָט לשון־קודש זיך אַרײַנגעריסן אין גבול פֿון ייִדיש. געווען אַפֿילו פֿאַלן, ווען מען האָט גערעדט לשון־קודש, אַ שטייגער מיט אַן אורח פֿון אַ ניט־אַשכּנזישער עדה אָדער ווען מען האָט ניט געוואָלט מפסיק זײַן און זיך באַנוגנט מיט „זאַצן״ פֿון דעם טיפּ נו, מלח, לחם צי אי, אָ, סכּין. מען הערט נאָך סוף נײַנצנטן יאָר־הונדערט פֿון ייִדן וואָס פֿאָלגן דעם אַר״י און פֿלייסן זיך צו ריידן אום שבת נאָר לשון־קודש, און אויב זיי קענען ניט שווייגן זיי בעסער.

אַ סך אָפּטער איז ייִדיש מסיג־גבול; גערעדטקייט האָט אין זיך אַ ספּעציעלן אימפּעט. פֿרויען אין זייערע בריוו מוזן נאָכן ערשטן לכּבֿוד אַריבערגיין צו ייִדיש. דער סופֿרישער מיששפּראַכיקער נוסח אין די פּנקסים[7] איז, מיין איך, אַ קאָמפּראָמיס צווישן דער נייטיקייט צו פֿאַרשרייבן אויף לשון־קודש און דעם חשק זיך אויסצודריקן אויף ייִדיש. דאָס וואָס ס׳איז לכתּחילה אפֿשר געווען אַן אינדיווידועלער סטיליסטישער קאַפּריז איז צו ביסלעך אויסגעוואַקסן ביז דעם פֿאַרנעם פֿון אַ שטאַרק אָנגענומענעם מאַקאַראָנישן סטיל וואָס האָט געהאַט אַ היפּשע ווירקונג אויף יעדערער פֿון די ביידע שפּראַכן. ייִדיש איז „קאַנצעלאַריזירט״ געוואָרן דורכן צוקום פֿון מחמת, היות, כּפֿי, מצד אאַז״וו; דאָס טראַדיציאָנעלע סופֿרישע לשון־קודש ווידער איז באַרייכערט געוואָרן דורך ריידשפּראַכיקע קאַלקעס.

אויף צוויי פֿראָנטן האָט ייִדיש אַרויסגעוויזן גאָר שטאַרקע עקספּאַנסיווע שטרעבונגען: (1) ביים אַרײַנדרינגען אין תּפֿילות און אין ברכות, און (2) ביים עטאַבלירן אַן אייגענע ליטעראַטור. שולמאַן, ניגער, צינבערג און אַנדערע האָבן צונויפֿגענומען וועגן דעם היפּש מאַטעריאַל,[8] אָבער די פּרינציפּיעלע זייט פֿאָדערט נאָך אויפֿקלערונג. די קאַמפּן

פֿון יודל מאַרק, ניו־יאָרק, ייִוואָ, 1958, 236—256; י. ריבקינד, „ווערטער מיט ייִחוס״, דאָרטן, 257—264 (אויך אין ייִדישע שפּראַך 13 [1953]); מ. אַלטבויער „מעטאַנאַליז פֿון העברעיִשע אַנט־לייונגען אין ייִדיש״, די גאָלדענע קייט נומ׳ 29 (1954), זז׳ 224—227; דבֿ סדן „אַלטער תּרח״, The Field of Yiddish, רעד׳ אוריאל ווײַנרײַך, נ״י, 1954, 134—142.

[7] פֿ״גל אוריאל ווײַנרײַך, „נוסח הסופֿרים העברי־יידי״, לשוננו כב (תשי״ח), 54—66.

[8] אלעזר שולמאַן, שפת יהודית־אשכנזית וספרותה, ריגע, 1913; ש. ניגער, „די ייִדישע ליטעראַטור און די לעזערין״ אין דער פּנקס, ווילנע, 1913, זז׳ 85—138 איצט איבערגעדרוקט אין

האָבן זיך געענדיקט פאַרשיידן. אין ליטורגיע און ריטואַל האָט די יידישע שפּראַך אויף אַ ווײַלע פאַרנומען נײַע שטחים, נאָר סוף־כּל־סוף האָט זי געמוזט אָפּטרעטן צוריק ביז דעם תּחילת אָפּגעצייכנטן גדר פון וואָסאַלנשאַפט. אין תּחום פון ליטעראַטור האָט יידיש זיך אויסגעקעמפט אַ פּאָזיציע פון גלייך־באַרעכטיקונג און סוווערעניטעט.

אין אָט די מיליטעריש־פּאָליטישע מעטאַפערס שטעקן סאָציאַלע און לינגוויסטישע רעאַליטעטן.

ביים ענין דאַווענען שפּרינגט דער תּוכיקער קאָנפליקט באַלד אין די אויגן. פון איין זייט: דאַווענען ניט־פאַרשטייענדיק טויג ניט, און ווען מיר געפינען אין דעם אָפט ציטירטן זאַץ פון ספר חסידים, אַז דאָס האַרץ מוז פאַרשטיין וואָס די ליפּן זאָגן ביים דאַווענען, איז דאָס נאָר אַן איבערחזרונג פון אַן אַלטער דערקענטעניש. ווי אַנדערש זאָל מען טייטשן דעם „שמע בכל לשון שאתה שומע"? אָבער פּונקט אַזוי איז פעסט דער פאַקט, אַז די תּפילות גייען אַריבער פון דור צו דור אין זייער געהייליקטן נוסח און אַז זיי זיינען אויף לשון־קודש. האָט זיך גאַנץ פרי געשאַפן די פּשרה, אַז צו די פיקסירטע תּפילות זאָל דער יחיד צוגעבן די בקשה פון זיין אייגענעם האַרץ אַרויס, און דער טערמין תּחינה פאַר אָט דער אינדיווידועלער השתּפכות־הנפשדיקער ווענדונג צום אייבערשטן באַגעגנט זיך נאָך אין ספר דניאל, מיט אַ יאָר צוויי הונדערט פאַרן צווייטן חורבן. על־פּי דעם דאָזיקן פורעם, דאַרף מען משער זיין, זיינען אין אַשכּנז אויפגעקומען די תּחינות אויף יידיש; געוויס זיינען זיי אַ סך עלטער איידער די עלטסטע צו אונדז דערגאַנגענע געדרוקטע טעקסטן פון אַרום 1600. די סיסטעמאַטישע אַרבעט וועגן דעם אינהאַלט, דער פאָרעם און דעם לשון פון דער תּחינה איז נאָך אַלץ אַ דעזידעראַט.

געווען אַ צייט, ווען טייל יידיש־ריידערס האָבן זיך מיט אָט דער פּשרה ניט געוואָלט באַנוגענען, און עס איז אפשר מער איידער בלויז אַ צופאַל (הגם די גייסטיקע קאָמוניקיר־ליניעס זעען זיך ניט קלאָר), וואָס דווקא פון סוף פופצנטן ביזן אָנהייב זיבעצנטן יאָרהונדערט, פון דער תּקופה פון די קריסטלעכע רעפאָרמיר־באַוועגונגען, זיינען פאַראַן אַזוי פיל סליחות, סידורים, מחזורים דורכויס אויף יידיש, אָן דעם לשון־קודשן אָריגינאַל. אין קיימברידזש איז פאַראַן אַזאַ האַנט־געשריבענער מחזור מיט דער דאַטע 1481.

ס'איז אַ פאַקט, אַז ערטערווייז לפּחות האָט מען געזאָגט אַלמעכטיקער גאָט („אדיר הוא") אויף יידיש ביים דאַווענען בציבור אין שול. דעריבער שטים איך אין גאַנצן איין מיט י. אַ. יאָפען, אַז די בלויז יידישע טעקסטן זיינען געווען ניט נאָר מכשירים צום אָפּטייטשן, נאָר מען האָט פון זיי געמוזט דאַווענען ממש.[9] עס קען אַפילו בפירוש געמאָלט זיין, אַז טייל מתפּללים האָבן געזאָגט די תּפילות אויף יידיש ניט נאָר ביים אָפּריכטן תּפילה ביחידות, נאָר אויך ביים דאַווענען מיט אַ ציבור. אויסגעהאַלטן האָט דאָס ניט, און יידיש איז געבליבן שטיין אויפן שוועל פון ליטורגיע. מען קען דאָ אויסרע־כענען: דאָס זאָגן טייל הגדה (און אפשר די גאַנצע הגדה ערטערווייז?) אויף דער רייד־שפּראַך, וואָס דאָס איז אויך צו ביסלעך אָפּגעפאַלן; די „מיידלשע ברכה" (אין דער פרי ביים אויפשטיין); גאָט פון אַברהם, „נאַכט־לייענען", די פּסוקים פאַר נעמען (אויך פאַר

ש. ניגער, בלעטער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, נ"י, קולטור־קאָנגרעס, 1959, זז׳ 35—107; י. צינבערג, „דער קאַמף פאַר יידיש אין דער אַלטיידישער ליטעראַטור", פילאָלאָגישע שריפטן פון ייוואָ 2, ווילנע, 1927, זז׳ 69—106.

[9] יודאַ א. יאָפע, „יידישע פראַכטדרוקן", ייוואָ־בלעטער 16 (1940), זז׳ 45—58.

נעמען פון ניט־העברעיִשן אָפּשטאַם) און די פֿאָרמל רבותי, מיר ווען בענטשן. ניט מער ווי דאָס. ווען די ליבליכע תּפֿילה און ליבסבריוו[10] האָבן אָנהייב אַכצנטן יאָרהונדערט געמאָנט גאַנץ דאַווענען אויף מוטער־לשון, האָבן זיי געקעמפּט אויף אַ פֿאַרלוירענער פּאָזיציע. מקום געוואָרן איז זייער פֿאַרלאַנג מיט הונדערט יאָר שפּעטער אין דער דײַטשער רעפֿאָרם, אָבער די רעפֿאָרם האָט געוואָלט דײַטש, ניט ייִדיש, און איר געזעלשאַפֿטלעכע אָריענטאַציע איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערע.

מיר זעט אויס שטאַרק סימפּליפֿיצירט דער טעזיס פֿון צינבערגן, אַז פּאַר ייִדיש האָט זיך אײַנגעשטעלט די מאַסע מיטן לירישן געמיט קעגן די מנהיגים, די בעלי־הלכה, און גובר געווען האָט דער טרוקענער שׂכל. ווען די מאַסע האָט באמת געוואָלט האָט זי אויסגעפֿירט, און חסידות האָט אין אײנע הונדערט יאָר פֿאַרנומען דעם גרעסטן טייל מיזרח־אייראָפּע. אָבער אַפֿילו חסידות האָט זיך ניט פֿאַרמאָסטן אויף די לשון־קודשע תּפֿילות; נוסח אַר״י יאָ, אָבער דאַווענען אויף ייִדיש ניט, ניט געקוקט אויף לוי־יצחקן און נחמן בראַצלאַווער. דאָ דאַרף דער סאָציאָלינגוויסט אָנקומען צום פּסיכאָלאָג פֿון רעליגיע, און מען מעג געוויס פֿון פֿאַרגלײַך וועגן ברענגען דעם פֿאַקט, אַז אויף צו להכעיס דעם קאָלאָסאַלן דרוק האָט דער קאַטוילישער קלויסטער זיך פֿון דער לאַטײַנישער ליטורגיע אויך ניט אָפּגעזאָגט. אײדער וואָס ווען וואָלט איך ריזיקירט צו זאָגן, אַז ייִדיש ווי אַ דאַוונשפּראַך האָט פֿאַרשפּילט ניט ביים ציבור, נאָר ביים יחיד. דער רב האָט אויך געוואָלט לעבנספּרייד, אָבער דער מאַסנמענטש האָט אויך געגאַרט צו טאָן, וואָס די תּורה הייסט. אין דעם יחידס האַרץ האָבן זיך געוויגט די וואָגשאָלן, און אַריבערגעוויגן האָט לשון־קודש. דער קריסטלעכער גימנאַזיע־דירעקטאָר שודט אין פֿראַנקפֿורט־מײַן דערציילט סאַמע אָנהייב אַכצנטן יאָרהונדערט, אַז ער האָט ביי צוויי ייִדענעס געפֿרעגט, ווי אַזוי קענען זיי עס זאָגן תּפֿילות אויף לשון־קודש ניט פֿאַרשטייענדיק דעם פּירוש־המילות. האָט אײנע געענטפֿערט: ווען אַ דאָקטאָר פֿאַרשרייבט מיר אַ רעצעפּט מאַכט ניט אויס, וואָס איך קען ניט איבערלייענען; אַבי דער אַפּטייקער זאָל קענען איבערלייענען און געבן די געהעריקע רפֿואה. די צווייטע האָט געענטפֿערט נאָך מער צו דער זאַך: איך פֿאַרשטיי טאַקע ניט דעם פּירוש־המילות; אָבער דער רבונו־של־עולם פֿאַרשטייט יאָ.

אין דער פֿראַגע פֿון פֿאַרצייכענען דינים און מינהגים אין דער בעל־פּה־שפּראַך איז ביי די גדולים געווען אַן אַמביוואַלענץ. מען דאַרף וויסן ווי אַזוי זיך צו פֿירן, ווערן מינהגים־ביכער אויף ייִדיש אַן אָנגענומענע זאַך. ייִדן דאַרפֿן וויסן, וואָס זיי זאָגן ביים אָפּהיטן די מצוות מעשׂיות, האָט ניט קיין קלענערער ווי דער מהריל אַרום 1400 איבערגעזעצט דעם „כל חמירא״ אויף ייִדיש און מען האָט זיין טעקסט אויפֿגעהיט און איבערגעדרוקט הונדערטער יאָרן. אָבער ביים זעלביקן מהריל שפּרינגט אַרויס דער טאָמער־פֿאַרקערט, ווען ער טרעט אַרויס קעגן לידער אויף לשון־אַשכּנז וועגן דער אייניקייט פֿון גאָט און וועגן די דרייצן עיקרים, מחמת זיי קענען ברענגען צום געדאַנק, אַז מיט די לידער איז מען יוצא און פֿון די מצוות גופֿא איז מען פּטור. אַנדערע זיינען געווען גרעסערע מחמירים. שולמאַן און צינבערג גיבן איבער — פּרטים פֿעלן, אפשר לאָזן זיי זיך נאָך אָפּזוכן — אַז „אַ מאָל״ האָבן רבנים געהייסן פֿאַרברענען אַ ייִדישע איבערזעצונג

[10] י. צינבערג (זען הערה 8), זז׳ 100—103; י. מייטליס, „דער באַדלעיאַנער כתב־יד ליבסבריף — אַ פֿאַרהשׂכּלהדיקע רעפֿאָרם־שריפֿט״, ייִוואָ־בלעטער 2 (1931), זז׳ 308—333.

פון שולחן ערוך; הלכה האָט געמוזט זיין אויף לשון־קודש. איך מיין, אַז דאָס איז געווען ביים סוף אַכצנטן יאָרהונדערט. לסוף, ווי מיר ווייסן, האָט זיך זער יידישער חיי אָדם פּעסט איינגעבירגערט אין די היימען. די פּשרה: אַן אומאָפיציעלע געקירצטע איבערגעבונג צוליב אוטיליטאַרע צוועקן איז אַן ביין.

אָבער דעם אויפשטייג פון דער יידישער קינסטלערישער ליטעראַטור האָט קיין שום איסור ניט געקענט פּאַרהאַלטן. צו די גלאָסעס און גלאָסאַרן, אַפילו צו די וואָרט־ביי־וואָרט־פּאַרטייטשונגען פון די הייליקע ספרים האָט מען קיין גרויסע טענות ניט געהאַט. שטיפס, לייבאָוויצעס און נאָבלס שטודיעס ווייזן,[11] אַז דאָס זיינען געווען ניט־אַמביציעזע מלמדישע מכשירים, אַרויסהעלפערישע בטבע, און אַשכּנז האָט געהאַט פאַר די אויגן אַן אַלטן פורעם, דעם „שנים מקרא ואחד תרגום״. די איבערזעצונגען פון תּפילות האָבן יאָ געהאַט העכערע אַספּיראַציעס, האָט מען זיי געוויזן, ווער עלטער איז. אָבער די ליטעראַטור ממש האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומבאַזיגלעך. זי ברענגט פאַר איינס קינסטלערישע באַפרידיקונג און חיזוק־הנפש, זי איז אַן אויסדרוק פון אינעווייניקסטע דראַנגען וואָס רייסן זיך צום וואָרט. דעריבער האָט זיך געמערט די רעליגיעזע ליריק, און דעם מהרילס אָפּאָזיציע האָט ניט געהאָלפן. דעריבער האָבן שמואל־בוך און מעשה־בוך געמוזט קומען אויף יידיש, דעריבער האָט אַפילו אַזאַ ערשטקלאַסיקער העברעער ווי אליה בחור אַרויסגעשפּרודלט מיט אַ פּאַריז און וויענע און אַ בבא־בוך.

אפשר וואָלט מען די ליטעראַטור אויף יידיש אויך צוגעשטופּט צו דער וואַנט אין נאָמען פון קאַנאָניזירטן טעקסט, — האָט אָבער דאָס טראַדיציאָנעלע אַשכּנז קיין שיינע ליטעראַטור אויף לשון־קודש ניט פאַרמאָגט. די יידישע ליטעראַטור האָט זיך דאָ אויף קיינעם ניט פאַרמאָסטן, דער פּלאַץ איז אין גרונט געווען ליידיק. דערצו איז זי דאָך אידעאָלאָגיש אַ פונקציע פון דער אַשכּנזישער קולטור, האָט זי דאָס רוב אַ קאָנסערוואַטיווע טענדענץ. דערפאַר איז ניטאָ אַזוי אָפט און אַזוי אָפן קיין מלחמה קעגן דער יידישער ליטעראַטור. אָבער מבטל איז מען זי כּסדר, און די מחברים אויף יידיש זיינען מקבל באהבה די הערשנדיקע ווערטן־סקאַלע. די ראַציאָנאַליזאַציע איז: מיר שרייבן נאָר פאַר ווייבער און פאַר מאַנסבילן וואָס זיינען אַזוי ווי ווייבער, דאָס הייסט זיי קענען ניט לערנען. אַזוי האָט זיך די יידישע ליטעראַטור דורכגעלעבט — מען קען זאָגן דורכגעגליטשט — מעשה „טאָלערירטער יודע״, און קרעמפּירטערהייט איז זי געוואַקסן, ביז וואַנען די נייע תקופה וואָס מיר רופן השכלה האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו צעפירן די עלנבויגנס.

אָבער קרעמפּירטערהייט צי פריי — דער פונדאַמענטאַלער פאַקט איז דאָס וואָס יידיש האָט זיך דעראַרבעט צו דער מדרגה פון אַ בכתב־שפּראַך. ווען אין אַ סיסטעם שפּראַך איז פאַראַן אי רייד אי שרייב, ווירקןביידע פאָרמאַציעס איינס אויף דאָס אַנדערע, און דער סך־הכל פון דער שפּראַך איז שוין קיין מאָל ניט דער זעלביקער ווי אין די צייטן ביז דעם בכתב.

פון זינט דער השכלה בייט זיך די פאַרהעלטעניש פון די כּוחות, און עס קומען אַריין נייע פאַקטאָרן, סאָציאָלינגוויסטישע און לינגוויסטישע.

[11] בעל־דמיון [נ. שטיף] „דער טייטש־חומש״, צוקונפט 1924, נ׳ 9, זז׳ 568—573; נחמה לייבאָוויצעס שטודיע איז געווען געדרוקט אויף דייטש אין Beiträge zur Geschichte der deutschen Sprache und Literatur 55 (1931), 377—463; פ״גל אויך מיין רעצענזיע אין ייוואָ־בלעטער 4 (1932), זז׳ 262—271, 287; ש. נאָבל (זען הערה 8).

ייִדיש ווערט אַן אָביעקט פֿון מער וויסיקער, מער דעמאָנסטראַטיווער שלײַפֿונג, הגם אַפֿילו מענדעלע פֿאַרענטפֿערט זיך נאָך אין 1864, אַז ער גייט אַריבער צו ייִדיש כּדי צו ברענגען נוצן דער מאַסע.

די אָנערקענונג „דע יורע" איז געקומען אַ סך שפּעטער ווי די אָנערקענונג „דע פֿאַקטאָ", און ביזן סאַמע חורבן פֿון אונדזער ייִדישער מיזרח־אייראָפּע האָט דער קאַמף קעגן ייִדיש ניט אויפֿגעהערט. אין דעם נייעם וועלטלעכן סעקטאָר וואָס איז אויפֿגעקומען איז שוין דער קאַמף געווען ניט אין נאָמען פֿון לשון־קודש, נאָר אין נאָמען פֿון העברעיִש. איינצייטיק זעען מיר אָבער אַ פֿענאָמען, וואָס אויך לינגוויסטיש איז ער וויכטיק: אַ היפּשע צאָל שרײַבערס זײַנען צווייִשפּראַכיק.

עס קומען צו קעמפֿערס קעגן ייִדיש אין נאָמען פֿון נאָך אַ נײַעם פֿאַקטאָר — פֿון דער קאָטעריטאָריאַלער ניט־ייִדישער שפּראַך. אין מערב האָבן די לאַנדשפּראַכן אײַנגעשלונגען אי ייִדיש אי העברעיִש. אין מיזרח איז די דרויסנדיקע שפּראַך דורך אַ טייל קיבוץ „פֿאַראינעווייניקט" געוואָרן, און פֿון אינעווייניקסטער צווייִשפּראַכיקייט איז געוואָרן דרײַשפּראַכיקייט: העברעיִש, ייִדיש; רוסיש אָדער פּויליש. אַ דאַנק דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון וועלטלעכן סעקטאָר איז די שפּראַכיק פֿיל־ווינציק אַסימילירטע אינטעליגענץ געוואָרן אַ נײַע פּרעסטיזש־גרופּע, און ווי אַ רעזולטאַט פֿון די נײַע געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען איז קענטלעך מאָדיפֿיצירט געוואָרן אי דאָס מאָדערנע ייִדיש אי דאָס מאָדערנע העברעיִש.

די גלײַכוואָג וואָס איז בײַם אָנהייב השׂכּלה פֿאַרשטערט געוואָרן האָט זיך שוין צוריק ניט אײַנגעשטעלט. מען מעג זאָגן, אַז אונדזער גאַנצער שפּראַכנקאַמף פֿון נײַנצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אונדזער גאַנצע קולטור־אַנטוויקלונג אין אָט דער צײַט איז בעצם אַ ראַנגלען זיך פֿאַר אַ נײַער גלײַכוואָג אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט. דער כּוח פֿון ייִדיש איז אין נײַנצנטן—צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אויסגעוואַקסן אין־לשער, אָבער בײַם אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך נאָך די וואָגשאָלן געוויגט, און די נאָכמלחמהדיקע תּקופֿה מוז אויסבאַלאַנסירן פֿון דאָס נײַ אונדזער צווייִשפּראַכיקע קולטור־בעל־הבתישקייט.

קאָפּירן דעם עבר טאָר מען ניט אַפֿילו ווען מען זאָל קענען — און וואָסער יאָרהונדערט וועלן מיר גיין קאָפּירן? אָבער לערנען זיך בײַם עבר מוז מען, כּדי בעסער צו פֿאַרשטיין ווו מיר האַלטן.